אוניברסיטת חיפה

תאריך 27.12.87

טלפון

מאת

אל

ליבער דוד,

איך שיק דיר דאָ אַ צעטל פֿון דער צײַטונג 'מעריב' מיט דײַן שוועסטער רותים אַן אינטערעסאַנטן בריוו. איך רעכן, אַז דאָס וועט דיך אינטערעסירן. ~~דו~~ אויב דו וועסט געפֿינען, אַז רותי וויל דאָס האָבן — שיק איר דאָס איבער.

דאָס איז פֿאַר מיר אַ געלעגנהייט צוצושרײַבן עטלעכע ווערטער. איך האָף, אַז דו האָסט באַקומען אַהרן שטיינבערגס בוך 'געדאַנקען אין צוזאַמענקלאַנג'. איך האָב עס דיר אַרויסגעשיקט. מיר האָבן אַ שטיקל פּראָבלעם מיטן פֿאַרשפּרייטן פֿון אַזאַ מין ייִדיש בוך. אויב דו האַלטסט, אַז מיר קענען זיך ווענדן מיט אַ בריוו צו געוויסע מענטשן אָדער אינסטיטוציעס וואָס זאָלן עס קויפֿן, שרײַב מיר אָן צו וועמען. די גאַנצע אויפֿלאַגע איז ניט קיין גרויסע — 350 עקזעמפּלאַרן. עטלעכע צענדליק האָב איך צעשיקט. עטלעכע האָט די פּרץ־ביבליאָטעק אין תּל־אָבֿיבֿ (די ביכער־קראָם) גענומען צו פֿאַרקויפֿן. אויסער דעם איז שוואַכלעך. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן.

איך ענדיק אין אַ חודש אַרום מײַן אַרבעט אין אוניווערסיטעט, און הויב אָן אַן 8־חדשימדיק שבת־יאָר. איך רעכן דאָ זײַן אין ירושלים און אַרום חודש מײַ — קומען קיין אָקספֿאָרד, אויף אַ דרײַ־פֿיר מאָנאַטן. צוזאַמען מיט מיריאַם, מײַן פֿרוי. קיין זייער קאָנקרעטע פּלענער האָב איך ניט, נאָר איך מיין, אַז איך וועל קענען שרײַבן אַ ביסל מער ווי ביז אַהער. אם ירצה השם, פֿאַרשטייט זיך. איינער פֿון מײַנע פּלענער איז איבערזעצן אויף העברעיש (מיט אַ ברייטן אַרײַנפֿיר) אליה בחורס 'בבֿא פֿון אַנטאָנע'. נאָר דאָס פֿאָדערט, פֿאַרשטייט זיך, זיך אַרײַנטאָן אין אַלט־ייִדיש. און דאָס טאַקע לאָקט מיך זייער שטאַרק.

תאריך

טלפון

מאת

אל

אַלזאָ דאַרף וועל איך שרײַבן וועגן דעם נסתּרס לעצטער ווערק (פֿאַר 'שבֿות') און זיך נעמען אינטענסיוו פֿאַר פּרץ מאַרקישעס לידער. וואָס זאָגט איר דו דיר דײַן ברײַען? אַגבֿ קאַלמאַנס ז"ל עזבון איז אויך אוידט אויף מײַנע פּלײצעס — אַגבֿ, הײַנט עס משמעות געבעטן פֿאַר זײַן טויט — און דאָס איז געוויס אַ זייער גרויס שטיקל אַרבעט. איך וועל עס געוויס טאָן בעזרתו ורחמיו.

יאָ, די פּאָעמע 'הערבסט' פֿון 'דפּים למחקר בספרות' וועט אַרויסגײן אָנהייב מערץ. דאָס איז די לעצטע, וואָס איך רעדאַקטיר אינטענסיוו. איך וועל בלײַבן אין דער רעדאַקציע, נאָר דער אַקטיווער רעדאַקטאָר וועט זײַן איינער פֿון די אַנדערע שותּפֿים. דאָס מאָל האָב איך איבערגעזעצט מאַנדעלעס 'ויזאַ צו שטאָט אין מזרח', וואָס איז קיין מאָל אין העברעיש נישט געווען.

און נאָך אַ גוטע בשׂורה: אריה פּילאָווסקי האָט באַקומען זײַן 'מרצה בכיר עם קביעות'. איך בין זייער צופֿרידן. דאָס גיט זיי די מעגלעכקייט צו בעטן אַ פֿאַרגעשטעלטן פּרײַז.

זײַ געזונט און שטאַרק, גריס האַרציק דײַן ליבע שײנע און דעם זונעלע

דײַן

שלום